**גוט יום טוב אלע אידן.** סוכות ווערט אנגערופן "ראשון לחשבון עונות." דער אייבערשטער האט אונז אלע געגעבן א נייע פרישע יאר. ראש השנה און יום כיפור האבן מיר זיך איינגעבויגען צו זאגן ווידוי ביי א משפט, אזוי ווי א שופר איז געבויגען. יעצט סוכות זענען מיר ארויס פונעם משפט ב"ה, און מיר קענען שוין שטיין גלייך אזוי ווי א לולב איז גלייך. לאמיר יעצט דערציילן א מוראדיגען סיפור וועגן ענין.

אונזער וואונדערליכע מעשה איז געשען בערך פינף און צוואנציג יאר צוריק. "מעט דרעבין" (זיין עכטע נאמען) איז געווען בערך צוויי און צוואנציג יאר אלט ווען ער האט געענדיגט קאלעדגש אין קאליפארניע. פאר ער האט געדארפט זוכן ארבעט, האט ער געוואלט אביסל ארומפארן זען אמעריקא. ער האט געטראכט אז ער וויל פארן קיין ניו יארק צו זען אלע "אינטערעסאנטע" פלעצער. איין טאג, נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען קיין ניו יארק, איז ער ארויפגעגאנגען אויף דעם סאבוויי פארענדיג קיין וויליאמסבורג.

כאטש אפילו אז ער איז נישט געווען קיין איד, האט ער געוואלט זען ווי די אידן האבן געוואוינט אין דעם "שטעטל." ער האט געהערט אז דארט אין וויליאמסבורג רעדט מען אידיש אויפן גאס און די סיינס זענען אין לשון קודש, און די מענער זענען געגאנגען מיט לאנגע רעקלעך אין גרויסע שווארצע היטן אזוי ווי אין יורופ א הונדערט יאר צוריק. פאר אן אמעריקאנער גוי איז עס זייער "אינטערעסאנט" צו זען ווי די חסידישע אידן לעבן אין אמעריקא, אפגעטיילט פון דעם גויאישן וועלט.

בקיצור, ווען ער איז געווען אויפן סאבוויי האט ער נישט געוואוסט פונקלעך וואו ער דארף אראפגיין כדי אנצוקומען צום אידישען געגענט. "מעט" האט געזען א חסידישער איד וואס איז געזיצן אויפן סאבוויי לערנען פון א ספר. מעט האט זיך פארגעשטעלט אז יענער וועט וויסן.

"עקסקיוס מי... (אנטשולדיגט מיר ביטע)" האט מעט געזאגט צו דעם חסיד. דער חסיד האט ארויפגעקוקט. "איר קענט מיך אפשר ווייזן דעם וועג קיין וויליאמסבורג? איך וויל דארט באזוכן אביסל און זען דעם אידישען געגענט."

"אוודאי קען איך דיך ווייזן דעם וועג, וואס ברענגט אייך קיין וויליאמסבורג?" האט דער איד געפרעגט. דער איד האט געוואלט וויסן פארוואס א גוי איז אינטערעסירט געווען צו זען א אידישע פלאץ.

"איך בין געקומען אויף א באזוך דא אין ניו יארק און איך האב געוואלט זען די פארשידענע שכנישאפטן אין דעם ריזיגען שטאט ניו יארק."

"פון וואו שטאמסטו?" האט דער איד געפרעגט דעם יונגען מענטש. "איך הייס 'מעט דרעבין' און איך קום פון קאליפארניע."

"'דרעבין' זאגסטו? דו ביסט א איד?" האט דער חסיד געזאגט. "ניין, איך בין נישט קיין איד." האט מעט געזאגט.

"אבער, 'דרעבין' איז זייער א אידישע נאמען, פון וואו קומט דיינע עלטערן?" "רוסלאנד," האט מעט געזאגט. "אבער גלייבט מיר, אז מיר זענען נישט אידיש."

דער חסיד האט ווייטער געשמועסט מיט מעט, ווייל ער האט "חושד" געווען אז מעט איז באמת געווען א איד. דער חסיד האט געפרעגט מעט וועגן די שטעטלעך וואו מעט'ס משפחה האבן געוואוינט פאר די מלחמה. אלע שטעטלעך וואס מעט האט דערמאנט האבן געהאט אסאך אידן בעפאר די מלחמה. עס איז נישט מסתבר, אז איינער מיט א אידישע לעצטע נאמען וועמענ'ס משפחה איז געקומען פון אידישע שטעטלעך אין רוסלאנד, און וואס איז געקומען באזוכן דווקא דעם אידישען טייל פון וויליאמסבורג צוליב זיין "נייגעריגקייט,"... זאל נישט זיין א איד! וועגן דעם האט דער חסיד פארברענגט מיט אים בשעת זיי זענען געפארן קיין וויליאמסבורג, כאטש אפילו אז סתם אזוי טאר מען נישט שמועסן מיט גוים.

ווען דער באן האט זיך דערנעענטערט צום ריכטיגען סטאנציע, האט דער חסיד נאכאמאל פרובירט אנצוצינדען דעם אידישע פלאם אין דעם "גוי'ס" הארץ. "הער צו," האט דער חסיד געזאגט צו מעט, "איך מיין אז דו זאלסט זיך אביסל אינטערעסירן אין דיינע ווארצלען, ווייל טאמער דו ביסט א איד, דעמאלט מוזטו געוואר ווערן וואס עס מיינט צו זיין א איד. דא, נעם די שטיקל פאפיר, און טאמער דו וועסט זיין איין טאג אין ארץ ישראל, זוך אויס די פלעצער." האט דער חסיד געזאגט איבערגעבענדיק א שטיקל פאפיר צו מעט, וואס אויף די פאפיער איז געשריבן געווארן "אור שמח" און "אש התורה." ער האט איבערגעגעבן דעם פאפיער מיט א שמייכל, און ער האט געזאגט וואו מעט זאל אראפגיין און וואו ער זאל גיין צו זען דעם אידישן געגענט.

וויליאמסבורג איז געווען טאקע זייער אינטערעסאנט פאר מעט צו זען. א שטיק צייט שפעטער איז ער געפארן קיין יורופ און נאכדעם קיין ארץ ישראל. ער איז נישט געפארן קיין ארץ ישראל ווייל ער האט געמיינט אז ער איז א איד, נאר, ער האט געהאט חברים וואס האבן באזוכט אין ארץ ישראל און זיי האבן געזאגט אז עס איז כדאי פאר יעדער איינעם, אפילו א גוי, צו באזוכן דארט, ווייל עס זענען דארט זייער אינטערסאנטע זאכן צו זען. בקיצור, איז מעט אנגעקומען קיין ירושלים וואו ער איז גלייך געגאנגען צום כותל, וואס ער האט געהערט איז געווען אן מוראדיגע פלאץ צו זען. מעט איז זייער שטארק נתרגש געווארן ביים כותל. שטייענדיק דארט, האט ער ארויסגענומען פון זיין טאש יענע שטיקל פאפיער פונעם חסיד.

פונקט דעמאלט איז אריבערגעקומען צו אים הרב מאיר שושטער, א איד וואס זיין גאנצע חיות איז אריינגעטון אין מקרב זיין אידן ביים כותל. דער כותל איז א "מאגנעט" פאר אידישע נשמות. רב שושטער האט מקרב געווען טויזנטע אידן דורך רעדן מיט זיי ביים כותל.

"קענט איר מיך ביטע ווייזן דעם וועג צו איינע פון די צוויי פלעצער?" האט מעט געזאגט צו רב שושטער ווייזענדיק דעם שטיקל פאפיר. רב שושטער האט געלאכט צו זיך. צי דען האט ער געקענט דעם וועג צו יענע בעלי תשובה ישיבות! ער האט שוין געשיקט הונדערטע אידן צו יענע ישיבות. נאר אפאר מינוט שפעטער איז מעט געשטאנען ביים אריינגאנג צו "אש התורה."

מעט האט ארומגעקוקט מיט א נערוועזקייט, ער האט געוואלט זען וואס מיינט א ישיבה, אבער ער איז נישט געווען קיין איד! וויאזוי וועט ער לערנען תורה?!? מעט האט אבער נישט געקענט זיך צוריקהאלטן, אפילו ער איז געווען א גוי, האט ער געהאט א שטארקע תשוקה צו לערנען. בקיצור, האט מעט זיך מיישב געווען אז ער וועט זיך מאכן אזוי ווי ער איז א איד, כדי צו קענען בלייבן אין די ישיבה. נאך דריי וואכן פון לערנען אין ישיבה האט מעט גערופן זיין טאטען אין קאליפארניע. זיין טאטע איז פארשטייט זיך איבערראשט געווארן צו הערן אז זיין זון מעט לערנט אין א ישיבה. אבער, זיין טאטע'ס איבערראשונג איז גארנישט געווען קעגען מעט'ס איבערראשונג ווען מעט האט געהערט וואס זיין טאטע האט אים געזאגט אויפן טעלעפאן. כדי צו וויסן וואס זיין טאטע האט אים געזאגט מוז מען ווארטן ביז שבת בראשית הבעל"ט. **גוט יום טוב אלע אידן.**